## אײַער רעכט צו ניצן נאַציאָנאַלע מינאָריטעט-שפּראַכן

טאָמער איר געהערט צו איינער פֿון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן האָט איר אַ רעכט צו ניצן אײַער שפּראַך ווען איר זענט אין קאָנטאַקט מיט די מאַכטאָרגאַנען. דאָ וועט איר וויסן וועלכע רעכט איר האָט בנוגע אײַער שפּראַך און וועלכע פֿאָדערונגען איר קענט שטעלן אויף אײַער קאָמונע און אויף אַנדערע אינסטאַנצן.

דעם 1טן יאַנואַר 2010 איז געקומען אַ נײַ געזעץ וועגן נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן און מינאָריטעט-שפּראַכן. אַלס נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן ווערן גערעכנט ייִדן, ראָמען, סאַמען, שוועדישע פֿינען און טאָרנעטאָלער. די נאַציאָנאַלע מינאָריטעט-שפּראַכן זײַנען ייִדיש, ראָמיש (ראָמאַני טשיב), סאַמיש, פֿיניש און מעענקיעלי (meänkieli).

## אַלע נאַציאָנאַלע שפּראַכן וועלן געשיצט און געשטיצט ווערן

דאָס געזעץ זאָגט אַז די נאַציאָנאַלע מינאָריטעט-שפּראַכן וועלן געשיצט און געשטיצט ווערן. ווער עס געהערט צו אַ נאַציאָנאַלער מינאָריטעט וועט האָבן דאָס רעכט צו לערנען, אַנטוויקלען און ניצן די אייגענע מינאָריטעט-שפּראַך. די מאַכטאָרגאַנען וועלן זיך צוהערן צו די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן און זאָרגן פֿאַר זייערע באַדערפֿענישן. די מאַכטאָרגאַנען זײַנען פֿאַרפֿליכטעט צו אינפֿאָרמירן וועגן אײַערע רעכט, אומאָפּהענגיק וועלכע מינאָריטעט-שפּראַך איר רעדט און ווו איר וווינט אין שוועדן.

ספּעציעל שטאַרקע רעכט האָבן די וואָס רעדן פֿיניש, מעענקיעלי אָדער סאַמיש און וווינען אין אַ קאָמונע געהערנדיק צו אַ פֿאַרוואַלטונגס-באַצירק. דאָ אונטן קענט איר געוווייער ווערן צי אײַער קאָמונע געהערט צו אַ פֿאַרוואַלטונגס-באַצירק. אויב איר וווינט אין אַ קאָמונע געהערנדיק צו אַ פֿאַרוואַלטונגס-באַצירק האָט איר אַ רעכט צו פֿאַרשטענדיקן זיך מיט די מאַכטאָרגאַנען אויף אײַער שפּראַך. איר קענט פֿאָדערן אַן ענטפֿער, בעל-פּה אָדער בכתבֿ, אין דער זעלבער שפּראַך.

איר קענט פֿאָדערן אַז דאָס זאָרגן פֿאַר קראַנקע און קינדער זאָל טיילווײַז אָדער אין גאַנצן זײַן אויף פֿיניש, מעענקיעלי אָדער סאַמיש.

טאָמער איר וווינט אין איינער פֿון די קאָמונעס קירונאַ, יעליוואַרע, אַריעפּלאָג, יאָקמאָק, האַפּאַראַנדאַ, פּײַאַלאַ אָדער איבערטאָרנעאָ האָט איר אַ רעכט צו באַניצן זיך מיט אײַער מינאָריטעט-שפּראַך אין די קאָנטאַקטן מיטן געריכט.

וווינט איר אין אַ קאָמונע אויסערן פֿאַרוואַלטונגס-באַצירק וועט איר אויך קענען קאָנטאַקטירן זיך מיט די מאַכטאָרגאַנען אויף פֿיניש, מעענקיעלי אָדער סאַמיש און אויך באַקומען זאָרג פֿאַר אַלטע אויף אָט די דערמאָנטע שפּראַכן, אויב דאָרטן געפֿינען זיך פּערסאָנאַל וועלכע רעדן די שפּראַכן. די מאַכטאָרגאַנען זאָלן צוזען אַז מען וועט האָבן פּערסאָנאַל וואָס קענען די שפּראַכן ווען מען נייטיקט זיך אין זיי.

אומאָפּהענגיק ווו איר וווינט וועט איר כּסדר קענען שרײַבן אויף פֿיניש, מעענקיעלי אָדער סאַמיש צו די אָמבודסמענער פֿונעם פּאַרלאַמענט, דעם יוסטיציע-קאַנצלער, דער פֿאַרזיכערונגס-קאַסע, דעם שטײַעראַמט און דעם אָמבודסמאַן קעגן דיסקרימינאַציע.

## אַהער קענט איר זיך ווענדן

אויב אײַער קאָמונע אָדער אַנדערע אינסטאַנצן טוען ניט פֿאָלגן דעם געזעץ, זאָלט איר זיך קאָנטאַקטירן מיט דער שטאָקהאָלמער פּראָווינצפֿאַרוואַלטונג (Länsstyrelsen i Stockholms län) אָדער דעם סאַמישן פּאַרלאַמענט (Sametinget), וועלכע זײַנען שולדיק צוצוזען אַז מען פֿאָלגט דעם געזעץ. דער סאַמישער פּאַרלאַמענט איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר סאַמיש און פֿאַר איבעריקע לשונות איז פֿאַראַנטוואָרטלעך די שטאָקהאָלמער פּראָווינצפֿאַרוואַלטונג.

**די אָפּטיילונג פֿאַר מינאָריטעט-פֿראַגעס בײַ דער שטאָקהאָלמער פּראָווינצפֿאַרוואַלטונג ( Enheten för minoritetsfrågor vid Länsstyrelsen i Stockholms län)**

טעלעפֿאָן 087854000

**דער סאַמישער פּאַרלאַמענט (Sametinget)**

טעלעפֿאָן 098078030

## דאָ קענט איר לייענען ווײַטער

אָט אָ דאָ איז פֿאַראַן מער אינפֿאָרמאַציע וועגן די רעכט פֿון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן:

- וועבזײַטל פֿאַר די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן
- וועגן די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אויפֿן וועבזײַטל (Tema modersmål) פֿון דער מלוכישער קאָלעגיע פֿאַר שולוועזן (Skolverket)
- וועגן די נאַציאָנאַלע מינאָריטעט-שפּראַכן אויפֿן וועבזײַטל פֿונעם שפּראַך-ראַט (Språkrådet)
- דאָס געזעץ וועגן די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן און מינאָריטעט-שפּראַכן
- בראָשור פֿון דער מלוכישער קאָלעגיע פֿאַר שולוועזן (Skolverket) וועגן די רעכט פֿון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אין די עלעמענטאַר-שולן און די גימנאַזיעס

## פֿאַרוואַלטונגסבאַצירקן פֿאַר פֿיניש, מעענקיעלי און סאַמיש

דאָ קענט איר זען וועלכע קאָמונעס עס געהערן די פֿאַרשיידענע פֿאַרוואַלטונגסבאַצירקן. אַנדערע קאָמונעס קענען מעלדעווען זייער אינטערעס צו ווערן אַ טייל פֿון אַ פֿאַרוואַלטונגסבאַצירק.

## דער פֿאַרוואַלטונגסבאַצירק פֿאַר פֿיניש

באָרלענגע, באָראָס, בוטשירקאָ, דעגערפֿאָרס, עסקילסטונאַ, פֿאַגערסטאַ, פֿינספּאָנג, יעוולע, געטעבורג, האַפּאַראַנדאַ, האַלסטאַהאַמאַר, האַנינגע, הופֿאָרס, הודינגע, האָבו, העלעפֿאָרס, יעליוואַרע, קאַליקס, קאַרלסקוגאַ, קירונאַ, טשעפּינג, לינדעסבערג, לולעאָ, מוטאַלאַ, נאָרטשעפּינג, נאָרטעליע, פּײַאַלאַ, סאַנדוויקען, סיגטונאַ, שינסקאַטעבערג, שעוודע, סאָלנאַ, סונדביבערג, סונדסוואַל, סוראַהאַמאַר, סעדערטעליע, טיערפּ, טראָלהעטאַן, טראָסאַ, שטאָקהאָלם, אודעוואַלאַ, אופּלאַנדס-ברו, אופּלאַנדס-וועסבי, אופּסאַלאַ, אומעאָ, וועסטעראָס, עלוקאַרלעבי, ענטשעפּינג, ערעברו, עסטעראָקער, עסטהאַמאַר, אייבערטאָרנעאָ, לודוויקאַ, מאַריעסטאַד, ניקוואַרן, אָקסעלעסונד, סמעדיִעסונד און טרעלעבאָר.

## דער פֿאַרוואַלטונגסבאַצירק פֿאַר סאַמיש

אַריעפּלוג, אַרווידסיאַור, בערג, דאָראָטעאַ, העריעדאַלען, יאָקמאָק, יעליוואַרע, קירונאַ, קרוקאָם, ליקסעלע, מאַלאָ, סאָרסעלע, סטאָרומאַן, סטרעמסונד, אומעאָ, ווילהעלמינאַ, אָרע, עלוודאַלען און עסטערסונד.

## דער פֿאַרוואַלטונגסבאַצירק פֿאַר מעענקיעלי

יעליוואַרע, האַפּאַראַנדאַ, קאַליקס, קירונאַ, פּײַאַלאַ און אייבערטאָרנעאָ.